# פרשת ויחי ה' – י"ד טבת תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת ויחי***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **הערש** (ב"ר יצחק דוב) **פיש** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **שמואל לוי** נ"ו בן הר"ר **שלום וויטריאל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **נחמן דוד לייכטער** הי"ו.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר ***יחיאל משה מארטאן*** הי"ו (החתן הר"ר *שלמה יוסף* **ראאב** הי"ו) שהתקיים באולם שע"י ביהמ"ד אונסדארף.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הלכות דברים הנוהגים בסעודה סימן קע"ח סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** תורה פארציילט, אז ווען יעקב האט זיך געטראפן מיט יוסף האט ער געזאגט, אמותה הפעם, איך וועל דאסמאל שטארבען, אחרי ראותי פניך כי עודך חי (בראשית מו-ל), נאכדעם וואס איך האב זיך געטראפן מיט דיר, און דו לעבסט. רש"י טייטשט, איך טרייסט מיך שוין, אפילו איך וועל דארפן שטארבען, אבער איך האב געזעהן יוסף. א צווייטער פשט זאגט רש"י, אמותה הפעם, איך האב געמיינט אז איך וועל שטארבען צוויי מאל, בעולם הזה ובעולם הבא, אבער יעצט אז דו לעבסט, וועל איך נאר שטארבען איין מאל.

**עס** קען זיין אז דער פשט דערפון איז, א מענטש האט אמאל א נסיון, דער יצר הרע זאגט טוה עס יא, און דער יצר טוב זאגט טוה עס נישט. דער יצר הרע רעדט אסאך שטרענגער, און אסאך בא'טעמ'טער צום מענטש, ווי דער יצר טוב. און א מענטש איז דאך א חומר, און ער גלוסט עס צו טון, פאלט ער אדורך, און ער פאלגט דעם יצר הרע. זאגט די גמרא (ברכות ה.), לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע, זעה אז דער יצר טוב זאל זיין ביי דיר שטערקער פון דעם יצר הרע. אויב עס גייט נישט, זאגט די גמרא צוויי עצות, אדער זאל ער לערנען, אדער זאל ער ליינען קריאת שמע. אויב דאס גייט אויך נישט, יזכיר לו יום המיתה, זאל ער געדענקען דעם יום המיתה. עס קומט א צייט וואס א מענטש לאזט אלעס איבער, און ער וועט אפגעבן א דין וחשבון אויף וואס מען האט געטון, און עס איז נישט כדאי אז מען זאל טון א עבירה. קיינער וואלט נישט געטון א עבירה אקעגן די רעגירונג, ווען א פאליסמאן שטייט נעבן אים, און ער זעהט, און ער גייט אים איינשפארן דערויף. אויב ער ווייסט, אז ער וועט שפעטער אפגעבן דין וחשבון אויף אלעם, האלט ער זיך צוריק. אבער דאס איז שוין די לעצטע עצה, ווען אלעס פאר דעם האט נישט גענוצט, נעמט מען זיך צו די עצה פון יזכיר לו יום המיתה.

**עס** שטייט אין **אגרא דכלה** (פ' תולדות), אז יצחק האט געזאגט, הנה נא זקנתי, לא ידעתי יום מותי (בראשית כז-ב). יצחק האט געזאגט, איך בין שוין א אלטער יוד, און עס האט מיר קיינמאל נישט אויסגעפעלט אז איך זאל מיך דארפן דערמאנען דעם יום המיתה, כדי איך זאל מיך דארפן צוריקהאלטען פון צו טון א עבירה. ווען עס איז געקומען א נסיון האב איך מרגיז געווען דעם יצר טוב אויפן יצר הרע, איך האב געלערנט, איך האב געליינט קריאת שמע, איך האב מקבל געווען עול מלכות שמים, דאס האט מיך צוריקגעהאלטן אז איך זאל נישט זינדיגן. אבער אז איך זאל זיך דארפן צוריקהאלטן פון א חטא נאר וועגן דעם ווייל איך וועל זיך דערמאנען אז איך וועל שטארבען, דאס איז נישט געווען. הנה נא זקנתי, איך בין שוין אלט, לא ידעתי יום מותי, איך האב קיינמאל זיך נישט געדארפט דערמאנען דעם יום מותי, אז דאס זאל מיך צוברענגען דערצו, אז איך זאל נישט זינדיגען.

**יעקב** מובחר שבאבות, און ער מיט אלע קינדער דארפן יעצט אראפקומען אויף מצרים, און זיין אין מצרים אזויפיל יארן, און מען וועט זיך דארפן מתגבר זיין אויף די נסיונות וואס מען האט אין מצרים. האט יעקב געזאגט, די אלע עצות וואס איך האב געהאט ביז יעצט, מרגיז זיין דעם יצר טוב, תורה, קריאת שמע, אין מצרים העלפט עס נישט, אין מצרים דארף מען זיך דערמאנען דעם יום

המיתה. די נסיונות זענען אזוי גרויס דארט, אז אפשר אויב מען וועט זיך דערמאנען יום המיתה, דאס וועט צוריקהאלטען אז מען זאל נישט זינדיגען.

**ווען** ער האט זיך געטראפען מיט יוסף אין מצרים, האט ער אים געזאגט, אמותה הפעם, יעצט, דאס מאל, דארף איך שוין אויך אינזין האבן דעם יום המיתה. ביז יעצט איז געווען לא ידעתי יום מותי, איך האב עס נישט געדארפט האבן, אבער 'אמותה הפעם', יעצט ווען איך קוק וואס מצרים איז, און איך קוק ווי אזוי דו זעהסט דא אויס, און וואו מען דארף זיך דא דרייען, יעצט דארף איך האבן דעם יזכיר לו יום המיתה, וואס זאל מיך צוריקהאלטען אז איך זאל נישט זינדיגען.

*

***יום שלישי פרשת ויחי – עשרה בטבת***

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לקרית יואל והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **קלמן יואל סופר** הי"ו, שהתקיים באולם קרן ויואל משה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, ווען יעקב אבינו איז אראפגעקומען קיין מצרים, און עס איז געקומען זיינע לעצטע טעג, זענען יוסף מיט די קינדער געקומען באזוכן דעם פאטער. וירא ישראל את בני יוסף, יעקב האט געזעהן מנשה מיט אפרים, ויאמר, האט ער געפרעגט, מי אלה, ווער זענען די. האט יוסף געזאגט, בני הם, דאס זענען מיינע קינדער, אשר נתן לי אלקים בזה, וואס דער אייבערשטער האט מיר געגעבן דא אין מצרים, ויאמר, קחם נא אלי ואברכם (בראשית מח-ח), ברענג זיי צו מיר, און איך וועל זיי בענטשען. רש"י טייטשט, אז ער האט געזאגט 'מי אלה', ווער זענען די וואס זענען נישט ראוי לברכה. ער האט געזעהן וואס עס וועט שפעטער ארויסקומען פון זיי, האט ער געזאגט, אז זיי זענען נישט ראוי אז זיי זאלן מקבל זיין א ברכה. און יוסף האט געענטפערט פאר יעקב, בני הם אשר נתן לי אלקים בזה, ער האט ממתיק געווען די דינים, און יעקב האט געזאגט, קחם נא אלי ואברכם.

**נאכדעם** וואס ער האט געבענטשט אפרים מיט מנשה, האט ער געבענטשט יוסף, און ער האט געזאגט, בך יברך ישראל לאמור, יודען וועלן זיך בענטשען אין דיר. ווען מען וועט וועלן בענטשען א קינד וועט מען זאגען, ישימך אלקים כאפרים וכמנשה, דער אייבערשטער זאל דיך געבן, אז דו זאלסט זיין ווי אפרים און מנשה. לויט רש"י'ס פשט, איז עס מהפך להפך. פריער האט יעקב געזאגט, אז זיי זענען נישט ראוי לברכה, און יוסף האט זיך אויסגעבעטען אז ער זאל זיי געבן א ברכה. און שפעטער זאגט יעקב, אז יעדער וועט זיך וואונטשען אז זיין קינד זאל זיין אזוי ווי אפרים און מנשה. און הא גופא קשיא, און אויב מען וועט זיין אזוי ווי ראובן און שמעון און לוי, איז נישט גוט? אז מען דארף אפירנעמען א אייניקל, אז ישימך אלקים כאפרים וכמנשה.

**עס** קען אפשר זיין א ענין דערין. **מען ווייסט אז די עבודה וואס דער אייבערשטער פארלאנגט פון א מענטש, ווענדט זיך אלץ די חשיבות פון די עבודה, ווי גרינג עס קומט אן, און ווי שווער עס קומט אן. א עבודה וואס קומט אן גרינג, האט נישט אזא גרויס חשיבות, ווי א עבודה וואס קומט אן שווער. צוויי מענטשען קענען זיצען און לערנען א בלאט גמרא, און פאר איינעם נעמט עס א קורצע צייט, ער האט א גוטען קאפ, ער איז א בעל כשרון, ער האט אפגעלערנט, און ער קען דעם בלאט. און איינער דארף זיך פלאגן דערויף, איין שעה, און נאך א שעה, און נאך א שעה, ביז ער קען אויך די בלאט גמרא. פאר אים האט עס גענומען איין שעה צו לערנען, און פארן צווייטען האט עס גענומען פינף שעה. כאטש ביידע זענען אנגעקומען די זעלבע, זיי קענען נישט מער פון איין בלאט גמרא, אין הקב"ה מונה הדפים אלא השעות** (פלא יועץ ערך לימוד). **דער וואס האט זיך געפלאגט פינף מאל אזויפיל, ווערט זיין שכר גערעכנט פינף מאל מער, ווי דער וואס עס איז אים אנגעקומען גרינג.** יעדע זאך אין עבודת ה' ווערט געמאסטן וויפיל צער ער האט געהאט, וויפיל ער האט זיך געפלאגט, און לויט דעם איז דער שכר.

**יעקב** אבינו האט געהאט הייליגע קינדער, שבטי י-ה, אבער עס איז נישט קיין חידוש אז מען האט געהאט אזעלכע קינדער. אז מען ווערט ערצויגן אין יעקב'ס שטוב, און מען זעהט ווי אזוי א טאטע קוקט אויס, מען זעהט ווי אזוי יעקב האט געפירט די שטוב, מען זיצט אין ארץ כנען, אין די ד' אמות פונעם טאטן, און

מען פירט זיך אויף בקדושה ובטהרה, איז אויך א מדריגה, אבער נישט אזא גרויסע מדריגה. אבער יוסף הצדיק וואס איז נתגדל געווארן אין מצרים אליין, ער איז אלט געווען זיבעצן יאר ווען ער איז אנגעקומען אויף מצרים, און ער איז געבליבן עומד חי בצדקו לפני ה', און ער האט דארט אויפגעשטעלט צוויי קינדער, מנשה מיט אפרים, וואס זייער גאנץ לעבן האבן זיי נישט געהאט א חברותא, זיי האבן נישט געהאט אפילו איין קינד מיט וועם זיי זאלן קענען רעדן די גאנצע צייט, אלעס איז געווען ערות הארץ. און דארט זאלן אויסוואקסען אזעלכע קינדער ווי מנשה און אפרים, וואס זאלן זיך קענען פארמעסטן מיט די שבטי י-ה, זענען זיי נישט נאר אזוי ווי די שבטים, נאר זיי שטייען אסאך העכער פון די שבטי י-ה, אז זיי האבן זוכה געווען אז זיי קענען אזוי אויסשטייגען אפילו אין מצרים.

**עס** קען זיין אז דער פשט איז פארקערט, לויט די מהלך פון רש"י. ווען זיי זענען אנגעקומען צו יעקב, און יעקב האט געזעהן מנשה און אפרים, ער האט געזעהן אזא ליכטיגקייט וואס איז דא אויף זייער פנים, האט ער געפרעגט, מי אלה, ווער זענען די וואס זענען אויסגעוואקסען אזעלכע דערהויבענע קינדער נישט ביי מיר אין שטוב. מי אלה קען מען טייטשן לגריעותא, ווער זענען די וואס זענען נישט ראוי לברכה, און מען קען טייטשן, ווער זענען אזעלכע דערהויבענע מענטשען, וואס זיי זענען אזוי אויסגעוואקסען, און עס איז דא אויף זיי אזא אור, מער פון וואס איך זעה אויף מיינע קינדער. האט אויף דעם יוסף געענטפערט, בני הם אשר נתן לי אלקים בזה, זיי האבן נישט געהאט אזא חינוך ווי די איבריגע שבטים, זיי זענען נישט ערצויגען געווארן ביי יעקב אין שטוב, זיי זענען ערצויגן געווארן אין א ערות מצרים, און פון דעסטוועגן דאך איז נישט דא וואס זיך צו שעמען מיט זיי. דאס איז א חשיבות וואס איז אסאך העכער ווי דיינע קינדער. דאס וואס דו זעהסט אויף זיי אזא ליכטיגקייט, און דו פרעגסט מי אלה, בני הם אשר נתן לי אלקים בזה.

**ויאמר** קחם נא אלי ואברכם, מוז איך זיי מוסיף זיין און געבן א ברכה. און וואס איז די ברכה, אז ווען מען וועט בענטשען קינדער, וועט מען נישט זאגען ישימך אלקים כראובן וכשמעון, ווייל ווען מען וואונטשט א קינד אז ער זאל זיין ווי ראובן און שמעון, מיינט דאס נאר, אז ווען מען איז אזוי ווי ראובן און שמעון, ווען מען דרייט זיך אין א שטוב ווי יעקב אבינו, זאל מען אויסוואקסען א ראובן און שמעון, אבער איך וועל אנוואונטשען פאר די קינדער, אז אזוי זאלן זיך יודען וואונטשען, אז אפילו ווען מען וועט זיין פארווארפען אזוי ווי אין מצרים, אפילו מען וועט נישט האבן די סביבה ארום און ארום, זאל מען אויך קענען אויסוואקסען אזוי ווי מנשה און אפרים זענען אויסגעוואקסען. דאס איז די ריכטיגע ברכה וואס א יוד דארף בענטשען זיין קינד, ישימך אלקים כאפרים וכמנשה, וואו דו וועסט זיין, אין וועלכע מקום דו וועסט אנקומען, דו וועסט נישט האבן די סביבה ארום און ארום וואס וועלן דיר העלפן, פון דעסטוועגן דאך זאלסטו קענען אויסשטייגען און אויסוואקסען אזוי ווי אפרים און מנשה זענען אויסגעוואקסען.

*

אחר כך המשיך **רבינו שליט"א** בדרכו לעיר למאנסי לניחום אבלים על פטירת **כ"ק האדמו"ר מקאשוי זצ"ל.**

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**אחיו הגה"צ רבי שמחה ישראל בלום שליט"א אב"ד תולדות רפאל:** עס איז געווען דא פריער א יונגערמאן וואס דרייט זיך ביים ברודער, דער **סערדאהעלער רב שליט"א**, האט ער געזאגט, אז ער האט עטליכע מאל ארויסגעברענגט די וואך, אז כבה נר ישראל. - קיינער האט אים נישט געקענט אזוי גוט פערזענליך ווי ער.

**רבינו:** זיי זענען געווען נאנטע חברים אלע יארן, זיי האבן אסאך געלערנט צוזאמען, אין ישיבה, און שפעטער אויך. ליל שישי פלעגן זיי לערנען צוזאמען, איין וואך איז ער געפארן קיין סקווירא, און איין וואך האט מען געלערנט אין שטאט.

**א' מהנוכחים:** לעצטענס האט ער געהייסען אז אלעס זאל מען פרעגן דעם **סערדאהעלער רב**. פאר מען האט געמאכט דעם טרעי"ק האט ער נישט געהאט קיין חשק דערצו, עס איז געווען א גאנצע דאגה צו ער וועט קענען גיין אין מקוה. אבער איינמאל ער האט געהערט קלאר פונעם דאקטער אז מען קען מער נישט אזוי אנגיין, האט ער מער נישט גערעדט דערפון. ער האט עס מקבל געווען אויף זיך.

**אחיו הגה"צ רבי אברהם שלמה בלום שליט"א ר"י קאשוי:** אמאל איז **רבי שמואל זאב** (ליכטער שליט"א אב"ד כוונת הלב) געקומען באזוכען, ער איז אויך געוועזן פון די סגל חבורה (שלמדו ביחד בישיבה). און ער האט אים געזאגט, איך בעט דיך דו זאלסט עסן מער, און שלאפן מער. ער האט שוין דעמאלטס נישט געקענט רעדן, האט ער אים געשריבן אויף א צעטל, קשוט עצמך...

*

**רבינו:** אין **שאול בחיר ה'**, פון **רבי שאול בראך זצ"ל**, איז דא אסאך אינטערעסאנטע זאכן, וואס עס איז אזוי שווער צו גלייבן. אז די בחורים האבן געפאסט אין ישיבה דריי טאג, און א גאנצע וואך. עטץ האטס אמאל געהערט פון ענקער טאטן (כ"ק **הגה"צ רבי רפאל בלום זצ"ל** אב"ד קאשוי) פון דעם, אז ער זאל עס נאכזאגן?

**ר"י קאשוי:** איך געדענק אז איינמאל איז אויסגעקומען, אז איך בין אריינגעקומען אין שטוב צו אים, און ער האט מיר מכבד געוועזן מיט עפעס, און איך האב געזאגט, אז עס איז מיר שוועך יעצט, איך פאסט. האט ער געזאגט, עטץ זאלטס מיר נישט פאסטן, איך האב שוין געפאסט גענוג פאר ענק אלע.

**רבינו:** ער פלעגט אריינצוקוקן אין **שאול בחיר ה'**? ער האט געהאלטן אז עס איז מוסמך?

**ר"י קאשוי:** יא, ער האט עס געהאלטן פאר א קראנט ספר. רבי ישראל ערליך ז"ל האט געארבעט דערויף צען יאר, ער האט בודק געווען יעדע זאך פארן דרוקן. אויך האט ער געהאט א גוטן זכרון, ער האט אליין געדענקט אסאך.

**אב"ד תולדות רפאל:** ווען **רבי ישראל ערליך** האט געזאגט אז ער גייט ארויסגעבן דעם ספר, האט אים דער טאטע געשריבן אז איך בעט דיך איין זאך, דו וואוינסט דאך אין ארץ ישראל, דו זאלטסט נישט אריינשטעלן דעם רבי'ן אין ליכט כאילו ער האט נוטה געווען אדער מעריך געווען אין ציונות אדער אגודה וכו'. די זאך זאלסטו נישט טון.

**ר"י קאשוי:** ער איז אוועק צוויי יאר נאכן ארויסגעבן דעם ספר. זעהט אויס אז פון הימל האט מען אים געהאלטן ווילאנג ער גיט ארויס דעם חיבור.

**רבינו:** ער האט איבערגעלאזט א זכרון פאר **רבי שאול בראך** מיט דעם ספר. ער האט אים שיין ארויסגעברענגט.

*

***יום רביעי פרשת ויחי***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **קלמן יואל סופר** הי"ו. אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יואל משה ווייס** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם, ומסר ברכות וקריאת השם **לכ"ק הגה"צ אב"ד צעהלים שליט"א**.

אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לכבוד הנחת תפילין, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה. אחר כך הסיב לסעודת ברית מילה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה, האט יעקב אבינו געזאגט פאר יוסף, בך יברך ישראל לאמור, אין דיר וועלן זיך יודען בענטשען, ווען מען וועט וועלן בענטשען א קינד וועט מען זאגן, ישימך אלקים כאפרים וכמנשה (בראשית מח-כ), דער אייבערשטער זאל געבן אז דו זאלסט זיין אזוי ווי אפרים און מנשה. אין תרגום יונתן שטייט, אז אזוי וועט מען וואונטשען ביומא דמהולתא, אין א טאג וואס מען מל'ט א קינד, ער קומט אריין יעצט אין כלל ישראל, גיט מען אים א ברכה, דו זאלסט אויסוואקסען ווי אפרים און מנשה.

**מען** זעהט אז יעקב האט מקדים געווען אפרים פאר מנשה. מנשה איז געווען עלטער, און פון דעסטוועגן דאך האט ער געגעבן די ברכה מיט די רעכטע האנט פאר אפרים. כאטש גם הוא יגדל, מנשה וועט אויך זיין גרויס, אבער אפרים איז העכער פון מנשה. אויב אפרים איז גרעסער פון מנשה, איז דאך גענוג אז מען וואונטשט אן ישימך אלקים כאפרים. אז מען האט אנגעוואונטשען ווי דעם גרויסן, דארף מען דאך נישט צוגעבן נאכדעם אז ער זאל זיין ווי מנשה אויך. אפרים וועט דאך זיין גרעסער פון מנשה, איז וואס איז שלעכט מיט די ברכה ישימך אלקים כאפרים, אז מען דארף צוגעבן 'אפרים ומנשה'.

**יעדער** יוד האט זיך זיינע מעלות. אפרים איז טאקע זייער גרויס, אפרים האט זיינע מעלות, אבער מנשה האט אויך געהאט זיינע מעלות, וואס איז נוגע צו בענטשען קינדער. אפרים איז געווען גרויס אין תורה, אזוי זאגט רש"י (בראשית מח-א), אפרים איז געזעסן ביי יעקב אבינו די גאנצע צייט, און ער האט

מקבל געווען תורה פון יעקב, און בשעת מען האט געדארפט מודיע זיין הנה אביך חולה, איז עס געווען אפרים וואס האט זיך ארומגעדרייט דארט אין שטוב. מנשה איז געווען צוזאמען מיט יוסף, ער האט געפירט די אוצרות פון די מלוכה, מען זעהט פריער אין די פרשה, אז בשעת די מעשה מיט די גביע, האט ער גענומען מנשה, וואס מנשה איז געווען אונטער יוסף. אפרים ווייזט אויף גרויסקייט אין תורה, און מנשה ווייזט אויף עשירות און החזקת התורה. און יודען דארפן האבן ביידע, אפרים מיט מנשה. די חשוב'סטע ברכה פון א יוד איז, ווען ער איז זוכה צו תורה וגדולה במקום אחד. ער איז נישט אנגעוויזען אויף קיינעם, און ער קען זיצען און לערנען און דינען דעם אייבערשטען, ער דארף זיך מיט קיינעם נישט רעכענען. עס שטייט אין חז"ל (גיטין נט.) אז די אלע וואס האבן אהערגעשטעלט תורה פארן כלל ישראל, איז געווען ביי זיי תורה וגדולה במקום אחד. משה רבינו האט געגעבן תורה שבכתב, איז געווען ביי אים תורה וגדולה במקום אחד. ער איז נישט געווען אנגעוויזען אויף קיינעם, און ער האט זיך מיט קיינעם נישט געדארפט רעכענען. רבינו הק' האט מסדר געווען ששה סדרי משנה, רבינו הק' איז געווען א עושר. רב אשי האט מסדר געווען ש"ס, איז זיינע צייטען איז נישט געווען תורה וגדולה אזוי ווי ביי אים. קומט אויס, אז די חשוב'סטע ברכה איז, ווען עס איז דא תורה וגדולה במקום אחד.

**אז** מען וואונטשט אן אז עס זאל זיין תורה וגדולה במקום אחד, דארף די עיקר חשיבות זיין די תורה. גדולה איז נאר אז עס זאל צוהעלפען צו תורה, אבער די תורה דארף זיין קודם. דער חורבן פון בית המקדש איז געקומען, מפני שלא ברכו בתורה תחלה (בבא מציעא פה:), לערנט מען דאך פשוט פשט, אז מען האט נישט געמאכט קיין ברכת התורה. עס שטייט אין **עוללות אפרים** (מאמר קל"ג, הובא **בפרדס יוסף** פ' תולדות אות סה), אז בשעת מען וואונטשט אן פאר א קינד, און מען גיט אים א ברכה, איז דא צוויי ערליי וועגן ווי אזוי מען וואונטשט אים. איינער זאגט אים, דו זאלסט אויסוואקסען א גרויסער תלמיד חכם און א ערליכער יוד, און צו דעם זאלסטו אויך האבן עשירות, עס זאל דיר גארנישט פעלן. א פשוטער יוד וואונטשט פארקערט, דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז דו זאלסט האבן עשירות, און דו זאלסט אויך זיין ערליך.

מפני שלא ברכו בתורה תחלה, די תחלה איז נישט געווען תורה, וועגען דעם איז געקומען דער חורבן. תחלה דארף זיין אז דער אייבערשטער זאל העלפן, אז דו זאלסט אויסוואקסען גרויס אין תורה. און כדי מען זאל קענען וואקסען אין תורה, דארף צוקומען אז עס זאל נישט פעלן קיין עולם הזה. עס מוז זיין תורה און נאכדעם זאל זיין גדולה, נישט גדולה מיט תורה צוזאמען.

**ווען** מען וואונטשט אן פאר א קינד זאגט מען, ישימך אלקים כאפרים וכמנשה, דער אייבערשטער זאל דיר געבן אז דו זאלסט זיין ווי אפרים און מנשה. דו זאלסט האבן ביידע מעלות, די מעלות פון אפרים, וואס אפרים איז געזעסן און געלערנט תורה, און דו זאלסט האבן די מעלות פון מנשה, דו זאלסט זוכה זיין אז עס זאל זיין ביי דיר תורה וגדולה במקום אחד. אבער וישם את אפרים לפני מנשה, מען נעמט נישט מנשה קודם און נאכדעם אפרים, די ברכה דארף צו זיין קודם אויף אפרים, און צוצוהעלפען פאר אפרים צו שטייגען אין תורה, דארף מען האבן די חלק פון גדולה אויך.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה. אחר השיעורים עברו תלמידי הישיבות לאחל ברכת מזל טוב **לרבינו שליט"א** לרגל הולדת הנכד למזל טוב, בן לחתנו **הרה"ג רבי ישעי' טירנויער שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק').

בשעות הערב כתב **רבינו שליט"א** אות בהספר תורה שנכתבה על ידי הר"ר **משה יוסף פריעדלענדער** הי"ו מייסד הכנסת אורחים בעיר קערעסטיר.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרה"ג **נפתלי הירצקא בערגער** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד מישקאלץ שליט"א), עב"ג בת הרה"ג רבי **אהרן צבי טערקעלטויב** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד אשוי שליט"א, חתן כ"ק האדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א), שהתקיים באולם כתר ריזל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***יום חמישי פרשת ויחי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן לבן **הרה"ג רבי אברהם צבי לייפער שליט"א.**

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי **באור החיים הק'**. בתוך השיעור דיבר **רבינו שליט"א** אודות לבישת בגדים אדומים, ממה שחזו עיניו **אצל הגה"ק מצאנז קלויזענבורג זצ"ל.**

***וזה תוכן הדברים:***

**דער** הייליגער **אור החיים** טייטשט, חכלילי עינים מיין (בראשית מט-יב), חכלילי איז א לשון רויטקייט, און רויט ווייזט אויף דינים. 'חכלילי עינים', לעתיד וועט זיין שטארקע דינים אויף די אומות העולם, 'מיין', פון די מקור פון דינים וואס שטאמט פון יין. לעתיד וועט דער אייבערשטער נקמה נעמען פון די אומות העולם, דער באשעפער וועט פארגיסען זייער בלוט, אויף דעם וואס זיי האבן פארגאסן יודיש בלוט, וואס אויף דעם איז געבויט די תפלה פון אב הרחמים, וואס מען זאגט שבת (ועיין **באור החיים הק'** ריש פרשת חוקת).

**איך** האב שוין אמאל פארציילט, אז אלץ יונגערמאן פלעג איך צו פארן צום **קלויזענבורגער רב זצ"ל,** צוויי שבתים א יאר. א שבת זומער, און א שבת ווינטער. און בדרך כלל פלעג איך אויסקליבן א שבת מברכים, ווייל שבת מברכים פלעגט ער צו זאגן א דרשה פאר קריאת התורה. ער איז שוין געווען אויף דער עלטער, ער האט נישט געהאט קיין כח צו שטיין, איז ער געזעסן, און מען איז געזעסן ארום און ארום, און ווער עס האט נישט געקענט זיצן, איז געשטאנען ארום און ארום.

**ווען** איך פלעג זיין דארט אויף שבת, בין איך איינגעשטאנען ביי אים. ער האט נישט מיטגעגעסן, ער האט געפירט טיש שפעטער, אבער דער איידעם, דער **זוועהילער רבי זצ"ל,** איז געווען דעמאלטס א יונגערמאן, און ער האט נישט געהאט קיין קינדער ל"ע, איז ער געזעסן אין דעם שווער'ס שטוב, און דארט האט ער געפירט די סעודה. דער **קלויזענבורגער רב** האט געהאט א מנהג, אז ווען ער איז ארויפגעקומען שבת נאכן דאווענען, איז ער אריין אין די קאך צו די רעבעצין, און ער פלעגט צו זאגן גוט שבת, און נאכדעם איז ער אריין צו זיך אין ספרים שטוב, און שפעטער איז ער אראפגעקומען צום טיש. און אזוי ווי איך האב געגעסן דארט, בין איך אויך מיטגעגאנגען.

**ווען** ער איז אריינגעקומען אין קאך זאגן גוט שבת, איז געווען דארט א טאכטער פונעם **קלויזענבורגער רב**, זי איז געווען א יונג קינד. זאגט אים די רעבעצין, אז די טאכטער האט געהאט א דין ודברים מיט א מיידל אין סקול, אז די מיידל איז געקומען אין סקול מיט א רויט קלייד, און דער קלויזענבורגער רב'ס טאכטער האט איר געזאגט, אז א יודיש קינד גייט נישט מיט א רויט קלייד. האט דאס מיידל צוריקגעענטפערט, און א יודיש קינד פארשעמט נישט א צווייטן אין די קלאס. האט די רעבעצין געפרעגט דעם קלויזענבורגער רב, ווער עס איז גערעכט.

**האט** ער געזאגט דעמאלטס, אז אוודאי איז זי גערעכט אז מען גייט נישט מיט א רויט קלייד, ווייל עס שטייט אין **שלחן ערוך** (יו"ד סימן קעח), אז מען זאל נישט גיין געקליידט מיט רויט. אין שלחן ערוך איז דער טעם אין פשטות, ווייל רויט איז אויפפאלענד, וועגן דעם זאלן נשים נישט גיין מיט א רויט קלייד, מען זאל נישט זיין אויפפאלענד. האט ער געזאגט, אז ער מיינט אז עס האט נאך א טעם אויך, ווייל אזוי ווי רויט ווייזט אויף דינים, ממילא איז דאס נישט א בגד וואס א יוד דארף אנהאבן, ווייל עס ווייזט אויף דינים. א יוד דארף גיין מיט ווייס וואס ווייזט אויף חסד, וועגן דעם איז מען שבת געגאנגען מיט ווייסע בגדים. לדעתי, האט ער געזאגט דעמאלטס, אז **אפילו פאר א תינוק בן יומו זאל מען נישט אנטון קיין רויט קלייד.** הײנט ווייסט מען אז פאר מיידלעך טוט מען אן רויט, און פאר יונגלעך בלוי. אבער ער האט געהאלטן אז אפילו פאר א תינוק בן יומו, זאל מען נישט אנטון קיין רויט (ראה **בדרשות חתם סופר** לשבה"ג שנת תק"ע ד"ה הנה טעם, ובהערה שם).

**און** ער האט געזאגט דעמאלטס, אז דער שר פון עשו, דער שר פון רום, גייט געקליידט אין רויט. און וועגן

דעם אין דער אראבישער ארמיי, גייען די סאלדאטן געקליידט אין רויט, ווייל רויט דאס ווייזט אויף דינים (זוה"ק ח"א רלח:, ח"ב כ:). - על כל פנים זי איז געווען גערעכט מיט דעם וואס זי האט געזאגט, אז מען זאל נישט גיין אין רויט. אבער די אנדערע מיידל איז אויך גערעכט, אז מען זאגט נישט ברבים אין סקול, אז מען גייט נישט אזוי, נאר מען דארף איר צורופן אינדערזייט, און שטילערהייט, קיינער זאל נישט הערן, זאגן אז מען דארף נישט אזוי צו גיין.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **מרדכי ישעי' וואזנער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יעקב ווייזער** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***שבת קודש פרשת ויחי***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** הבאטע בבית המדרש סאמבאטהעלי, ביחד עם שמחת השלום זכר לנכדו, בן לחתנו **הרה"ג רבי ישעי' טירנויער שליט"א.** לרגל השמחה הגיעו ציבור אנשי שלומינו וביניהם רבנים ודיינים קרובי המשפחה שליט"א להשתתף בשמחתו הגדולה של **רבינו שליט"א**. בנוסף לניגוני ליל שבת קודש המשיכו בקול שירה וזמרה בניגוני חדוה לרגל השמחה הרוממה בבית **רבינו שליט"א**. בברכת המזון נתכבד אבי הבן **הרה"ג רבי ישעי' שליט"א**.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבנות התאומות שנולדו אצל הר"ר **יצחק מרדכי פאללאק** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא לרגל הולדת הבת אצל הרה"ג רבי **יואל פאללאק** שליט"א (בן גיסו הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א) שהתקיים בבית המדרש וואדקערט.

בסעודת רעוא דרעוין השמיע **רבינו שליט"א** בסיום דבריו דברי מוסר ותעוררות לקראת ימי השובבי"ם הבעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** גייט יעצט אריין אין די ימי השובבי"ם, צוויי חדשים, שובבי"ם ת"ת. אלע יארן איז דא א ענין אין די וואכן פון שובבי"ם, אבער עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז די עיקר תיקונים איז אין א עיבור יאר, ווען עס איז דא שובבי"ם ת"ת. יעדער ווייסט נגעי נפשו, וואו מען פאלט אדורך, אויף וואס ער דארף האבן א שמירה, פון וואס ער דארף זיך אפהיטן, און וואס ער דארף מתקן זיין. **די ערשטע זאך איז דאך סור מרע, מאכן זיך כאטש עפעס א גדר, עפעס מקבל זיין אויף זיך אין די וואכן פון שובבי"ם ת"ת, אין זאכן וואס איז נוגע אין שמירה און זהירות, אז ער זאל קענען זיין אפגעהיטן. יעדער איינער קען טרעפן ביי זיך א געוויסע נקודה, וואס ער קען אויף זיך נעמען, אז די זאך גיי איך אויף מיר מקבל זיין אויף די קומענדיגע צייט, אז איך וועל זיך פירן מיט דעם ערליך.** דאס איז סור מרע. און עשה טוב, מתפלל זיין צום אייבערשטען, כל האומר הקב"ה ותרן, יותרו מעיו (בבא קמא נ.), דער אייבערשטער איז נישט קיין וותרן, אויף אלעם קומט א צייט וואס מען וועט אפגעבן דין וחשבון. אלעס ווערט פארשריבן, אלעס ווערט פארצייכנט, אויף אלעם איז דא א חשבון אויבן אין הימל. אויף יעדע זאך וואס א מענטש האט געטון, קומט אמאל א זמן וואס מען דארף אפגעבן א דין וחשבון.

**אבער** מיר האבן בכח מתקן צו זיין, עס איז לא ידח ממנו נידח. **ווען א יוד מיינט עס ערליך, און ער גיסט זיך אויס דאס הארץ פארן אייבערשטען, און ער איז מתפלל און ער בעהט פונעם אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל אים העלפן, טוט דער אייבערשטער זיך מרחם זיין אויף אים.** אפילו מען קען נישט צוקומען צו די העכסטע מדריגות אין תשובה, פון דעסטוועגן דאך יעדע נקודה וואס א יוד טוט פארן אייבערשטען, אין הקב"ה מקפח שכר כל בריה.

**אמאליגע צייטן פלעגן די בתי מדרשים זיין פול פרייטאג פארטאגס, וואס מען האט אויסגעזאגט תהלים. מען זאל זעהן אויסצוזאגן יעדע וואך תהלים, איז דאס פרייטאג פארטאגס אז מען האט צייט, איז דאס שבת, איז דאס זונטאג וואס מענטשען האבן מער פרייע צייט. טוב מעט בכוונה מהרבה שלא בכוונה** (טור או"ח סימן א), **וואס מען זאגט, זאל מען זאגן מיט רואיגקייט, זאגן מיט כוונה, מכוון זיין, און בעטן פונעם אייבערשטען. הן א-ל כביר לא ימאס, וואס א יוד בעט פונעם אייבערשטען, ווערט נישט פארלוירן. דער באשעפער זאל געבן, אז מען זאל**

**קענען אויסנוצן די טעג וואס קומען אריין, צו תורה און עבודת ה'. עס זאל זיין אשר קדשנו במצותיו, דער באשעפער זאל אונז מקדש זיין, געבן א דערהויבנקייט, מען זאל פילן א קדושה, פירן א העכער לעבן, ווי מען לעבט מיט גשמיות.**

**דער עיקר איז זיך מחזק זיין אין אמונת אלקי עולם, מחזק זיין זיך אין אמונה, שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, עס איז נישט דא עפעס אנדערש אויף דער וועלט, נאר דער אייבערשטער. וואו מען איז, איז מען נעבן דעם אייבערשטען, וואס זעהט אלעס וואס דער מענטש טוט, און דער באשעפער האט א חשבון אויף יעדע זאך. אזוי ווי ער זעהט יעדע נישט גוטע זאך וואס מען טוט, זעהט ער אויך יעדע דבר טוב. ווען א יוד קרעכצט אינעם הארץ, איז עס חביב ביים אייבערשטען, און דער באשעפער זעהט עס. דאס וואס א יוד איז זיך מחזק אין אמונת אלקי עולם, אז וואו מען איז, איז מען צוזאמען מיטן אייבערשטען, דאס וועט אים אפהיטן ער זאל נישט צוקומען צו מכשולות.**

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מיר זאלן קענען אויסנוצן די טעג צו תורה און עבודת ה'. דער באשעפער זאל העלפן, אז די אלע וואס דארפן האבן רפואות און ישועות, און אלעס וואס א מענטש דארף האבן כדי ער זאל קענען דינען דעם אייבערשטען, זאל דער באשעפער צושיקן פאר יעדן איינעם בשמחה ובטוב לבב. דער באשעפער זאל געבן, אז עס זאל זיין גלה כבוד מלכותך עלינו, עס זאל נתגלה ווערן כבוד שמים אויפן כלל ישראל. עס זאל צוריקקומען די יחוד פונעם אייבערשטען, והיה ה' למלך על כל הארץ, ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד. און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

במוצאי שבת התקיים המלוה מלכה לטובת מוסדותינו הק' בעיר וויליאמסבורג, העומדים לשם ולתפארת עם כאלף תלמידים ותלמידות המתחנכים בחינוך הסלולה לנו מרבותינו הק' מדור דור. המסיבה התקיימה ברוב פאר והדר באולם אימפיריעל, במקהלות עם רב, תלמידי וידידי קהלתנו ומוסדותינו הק', בראשות **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.**

המעמד נפתח על ידי היושב ראש הרב **משה יואל גערטנער** שליט"א (מנהל בת"ת בבארא פארק). אחר כך השמיע הרה"ג רבי **שמחה אהרן שטראהלי** שליט"א דומ"ץ דקהלתנו הק' בוומסב"ג דברי זכרון לכבוד אביו הר"ר **זאב שטראהלי** ע"ה, שהמסיבה נערכה לעילוי נשמתו. אחר פרקי שירה וזמרה על ידי ילדי מקהלות 'פרחי שיר ושבח' נשמע דרשתו של הרה"ג רבי **יעקב טובי' ווייזער** שליט"א (ר"י בישיבתנו הק').

בקשב רב נשמעו דברות קודש מאת **רבינו שליט"א** בעניני חינוך הבנים. ובגודל מעלת מדת הכרת הטוב, ובמיוחד להמוסדות הק' שמניחים היסוד לבנינו ולדורותינו שיתגדלו בדרך ישראל סבא. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א.**

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסען די אלע וואס זענען זיך צוזאמגעקומען צו די מלוה מלכה, מחזק צו זיין די מוסדת דא אין וויליאמסבורג. דעם תלמוד תורה און די בית חינוך לבנות, וואו עס ווערן נתחנך הונדערטער קינדער צו תורת ה'. מען האט פריער געהערט פונעם חשוב'ן ראש ישיבה זאל זיין געזונט, וואס האט ארויסגעברענגט די חשיבות פון זבולון, וואס פאר א זכיה עס איז, אז מען קען מחזיק זיין תורה.

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, די תורה הק' פארציילט, אז יעקב האט געגעבן א ברכה פאר יוסף, ויברך את יוסף. און די ברכה וואס ער האט געזאגט פאר יוסף, איז נישט געווען א ברכה וואס איז נוגע פאר יוסף אליין, ער האט געבענטשט די קינדער פון יוסף. המלאך הגואל אותי מכל רע יברך את הנערים, ויקרא בהם שמי ושם אבותי אברהם ויצחק, וידגו לרוב בקרב הארץ (בראשית מח-טז). די מפרשים שטעלן זיך, אז ער האט געגעבן די ברכה פאר די קינדער פון יוסף, פארוואס שטייט אין פסוק ויברך את יוסף, אז ער האט געבענטשט יוסף. אין **רשב"ם** שטייט צוויי ווערטער, ברכת הבנים היא ברכת האב. די ברכה פון א טאטע איז, ווען ער האט גוטע קינדער. קינדער וואס א מענטש פארמאגט, איז די חשוב'סטע זאך וואס ער האט אויף די וועלט. עס איז נישט דא א זאך אין דער וועלט וואס קען ערזעצן א שטוב מיט קינדער. און אז דער אייבערשטער העלפט, אז זיי וואקסען אויף תלמידי חכמים און יראי ה', איז דאס א מתנה טובה פונעם

אייבערשטען, וואס עס איז נישט דא קיין שענערס און קיין בעסערס וואס מען קען זיך וואונטשען. ווען ער וויל געבן א ברכה פאר יוסף, וואס קען ער אים בענטשען, מיט איין זאך, אז המלאך הגואל אותי מכל רע, יברך את הנערים, אז דו זאלסט האבן ערליכע קינדער, וואוילע קינדער, דאס איז דער גרעסטער תענוג, וואס קיין שום זאך אויף דער וועלט, קען נישט ערזעצן דעם תענוג וואס א מענטש האט, ווען ער איז זוכה אז ער שטעלט אויף ערליכע יודישע דורות. דאס איז געווען די ברכה פאר יוסף, אז די קינדער וועלן אויסשטייגען.

*

**די** גמרא (שבת קטז.) זאגט, אז די תורה איז איינגעטיילט אין זיבן ספרים, חצבה עמודיה שבעה (משלי ט-א). עס איז דא חמשה חומשי תורה, אבער ספר במדבר באשטייט פון דריי ספרים. איין ספר איז ביז ויהי בנסוע (במדבר י-לה), ויהי בנסוע איז א ספר בפני עצמו, און נאך ויהי בנסוע ביז סוף ספר במדבר, איז א דריטע ספר. במדבר אליין איז דריי ספרים, און די איבריגע פיר ספרים, איז צוזאמען דא זיבן ספרים. ויהי בנסוע איז א ספר פאר זיך, און עס איז ארומגענומען מיט צוויי סימנים. עס איז דא א אות נו"ן פון איין זייט, און א אות נו"ן פון די אנדערע זייט. און די נו"ן איז נישט קיין גראדער נו"ן, נאר עס איז א נו"ן הפוכה, א איבערגעדרייטע נו"ן. די תורה האט עס ארומגענומען עקסטער מיט סימנים, צו ווייזן אז דאס איז א ספר פאר זיך. טאמער מען וויל מאכן א סימן, קען מען מאכן אסאך ערליי סימנים, פארוואס האט מען אויסגעקליבן א אות נו"ן, און א פארקערטע אות נו"ן, אז דאס זאל זיין די סימניות פאר ויהי בנסוע.

**איך** האב געטראכט, איך האב געזעהן שטיין א ווארט אין די פרשה, עס איז אפשר נישט פשט אינעם פסוק, אבער דער געדאנק דערפון איז א שיינע. מען ווייסט ווען א מענטש וויל עסן פלייש, איז דא א גאנצע פראצעדור פון ווען מען האט געקויפט די בהמה, ביז ער קען עסן דעם שטיקל פלייש וואס ער וויל נהנה זיין דערפון. עס האט זייער אסאך הדרגות, וואו די בהמה קען אלץ אוועקפאלען, אז עס זאל נישט זיין ראוי אז מען זאל עס קענען עסן, ביז עס קומט סוף כל סוף אן, אז מען קען עסן די פלייש דערפון. מען קויפט א בהמה, דארף מען א שוחט וואס זאל עס שחט'ן. אויב עס האט זיך געמאכט א פגימה אינעם חלף, איז די בהמה טריפה, מען קען עס שוין מער נישט נוצן, און מען קען עס אוועקגעבן פאר א גוי, פאר העלפט געלט. אויב די חלף איז געווען גוט, דארף ער נאך וויסן ווי אזוי מען האט עס געשחט'ן. אמאל איז דא שהייה חלדה עיקור הגרמה, און אנדערע פסולים וואס איז דא בשעת'ן שחט'ן, און ער דארף אלעס אדורכגיין, אז מען זאל וויסן אז די בהמה איז כשר.

**מען** האט שוין געשחט'ן די בהמה, ווייסט מען נאכנישט זיכער צו מען וועט קענען עסן פון די בהמה, ווייל מען דארף בודק זיין די טריפות. אויפבלאזען די ראיה, זעהן צו די ריאה איז גלאט, צו עס האט נישט א סירכא. עס איז דא בדיקת חוץ, און עס איז דא בדיקת פנים, און עס קען קאליע גיין. און אפילו די ריאה איז גוט, דארף מען באקוקען די איבריגע חלקים פון די בהמה, די לעבער מיט די קישקעס, אלע טריפות, ווי דער סדר איז. מען איז שוין אדורכגעגאנגען דאס אויך, מען האט בודק געווען די טריפות, און אלעס איז גוט. איז דא נאך א ארבעט, מען דארף אויסזאלצן די פלייש. און עס קען זיך מאכן פארשידענע שאלות, עס איז דא אפאר סימנים אין שלחן ערוך וואס עס קען זיך מאכן שאלות אז עס האט נישט געטויגט די מליחה, און מען קען נישט עסן די פלייש. מען האט שוין זוכה געווען, מען האט שוין אפגעזאלצן די פלייש, מען קען עס שוין עסן, דארף מען עס אבער קאכן. און עס קען זיך מאכן א שאלה, אז מען האט גענומען א מילכיגע טאפ, און מען האט אין דעם אריינגעלייגט די פלייש. און עס איז געווארן בשר וחלב, און עס איז אסור בהנאה, און מען קען עס אפילו נישט פארקויפן פאר א גוי. עס איז דא אסאך מדריגות ביז מען קען עס עסן. און מען דארף האבן סייעתא דשמיא ביי יעדן שטאפל, אז עס זאל נישט אוועקפאלן.

**פיש** איז נישט אזוי, פון ווען מען האט געקויפט פיש, מען קוקט צו עס האט סנפיר וקשקשת, דאס וועט פארן גלאט ביז מען וועט עס קענען עסן. עס איז נישט דא קיין שאלות פון שחיטה, עס איז נישט דא קיין שאלות פון טריפה, עס איז נישט דא קיין שאלות פון זאלצן, עס איז נישט דא קיין שאלות פון א מילכיגע טאפ, אלעס איז גוט. דאס איז די מעלה פון פיש.

**ווען** דער אייבערשטער גיט, אז מען האט קינדער, וויפיל סייעתא דשמיא דארף א יוד האבן, ביז ער איז אים מחנך, ביז ער זעהט אים ארויס פונעם שטוב, אז אלעס זאל זיך פירן כשורה. עס איז דא אזויפיל פלעצער וואו א קינד קען פארפאלן ווערן. אפילו מען הייבט אן גוט, אין חדר איז ער וואויל, און ער איז גוט אין די ערשטע כיתות, וויפיל מאל טרעפט זיך, ווען ער ווערט אביסל עלטער, אין כתה ז' אין כתה ח', מאכט זיך עפעס אז דאס קינד פארפארט, ער האט זיך אויסגעגליטשט, און מען האט עגמת נפש. מען איז שוין אדורכגעגאנגען חדר, די חדר איז גוט, אבער מען קומט אריין אין ישיבה קטנה, איז ער נישט דער זעלבער וואס ער איז געווען פריער. אמאל גייט ער אדורך ישיבה קטנה, און ווען ער קומט אריין אין שיעור ג' איז ער שוין א גרויסער בחור, און דעמאלטס הייבט ער אן, ער האט א שלעכטע חבר, ער האט געטראפן א שלעכטע כלי וכדומה, און ער איז פארפאלן געווארן. דער אייבערשטער העלפט ער גייט אדורך ישיבה קטנה, דארף ער האבן סייעתא דשמיא אין ישיבה גדולה, ער זאל קענען אדורכגיין.

**ועל** כולם, ער האט שוין געענדיגט ישיבה גדולה, נו, איך האב אים נישט וואו צו שיקן, שיקט ער אים אויף ארץ ישראל, וואס דארט הייבט זיך אן דער חורבן, וואס האלב פון זיין יראת שמים לאזט ער איבער אויפן וועג, און ווען ער קומט צוריק, מיט די גרויסע תורה וואס ער האט זוכה געווען דארט, איז ער נישט דער זעלבער קינד, און נישט דער זעלבער יוד, און נישט דער זעלבער יראת שמים, ווי ער איז געווען פריער. עס איז אזוי ווי פלייש וואס מען קויפט, וואס עס האט אסאך ערליי דרגות, און עס דארף אלעס אדורכגיין ביז מען קען זעהן די פירות דערפון. פיש איז נישט אזוי, פיש איינמאל עס איז געווען גוט אין אנהייב, בלייבט עס גוט אויף שפעטער.

**יעקב** אבינו האט אנגעוואונטשטען פאר יוסף, וידגו לרוב בקרב הארץ, דיינע קינדער זאלן ערצויגען ווערן אזוי ווי די פיש, וואס עס הייבט זיך אן גוט, זאל מען האבן סייעתא דשמיא אז עס זאל אדורכגיין דעם גוטסקייט אויך אויף שפעטער, אז עס זאל נישט אריינקומען קיין מכשולות אינדערמיט, וואס דאס קינד זאל אוועקפאלען. נאר עס זאל זיין אזוי ווי דגים, וואס איינמאל מען ווייסט אז עס איז א כשר'ע פיש, בלייבט עס כשר אויף שפעטער.

**מען** קען אפשר צוגעבן דערצו. פיש איז טאקע כשר, עס קען נישט ארויסקומען קיין מכשול דערפון, עס איז אבער דא אמאל וואס פיש קען אויך באקומען א פראבלעם. אויב די פיש איז געווען אין א יודישע שטוב, וואו אלעס איז כשר, קען נישט זיין קיין שום פראבלעם מיט פיש. אבער טאמער די פיש איז אריינגעקומען צו א גוי אין שטוב, און מען ווייסט נישט וואס עס האט זיך געטון, קען זיין אז דער גוי האט צוגעלייגט דערצו א תבלין וואס איז טריפה, ער האט עס געקאכט אין א טריפה'נע טאפ, א טריפה'נע לעפל, א טריפה'נע טעלער. פיש קען אויך קאליע ווערן, נאר ווילאנג ער איז אין א יודישע שטוב, אזוי לאנג ווערט ער נישט טריפה.

**ויהי** בנסוע איז א ספר בפני עצמו, שטייט אין הייליגע ספרים, ווען א מענטש גייט ארויס פון זיין שטוב, ער גייט ארויס אונטערוועגנס, און ער דרייט זיך צווישן אומות העולם, האט ער א אנדערע ספר תורה ווי ווען ער איז ביי זיך אינדערהיים. ביי זיך אינדערהיים, איז אלעס ערליך, ער איז מסודר, תורה תפלה און אזוי ווייטער, אבער ויהי בנסוע איז א ספר בפני עצמו, דארט קען מען זייער שנעל נכשל ווערן. מען זעהט זאכן וואס מען האט נישט געזעהן אין שטוב, מען האט נישט די חברותא וואס מען האט אינדערהיים, עס איז זייער גרינג אז מען זאל קענען פארפאלן ווערן. האט די תורה געגומען דעם ויהי בנסוע, און די תורה האט אים ארומגענומען מיט א נו"ן. מען ווייסט אז נונא ווערט אנגערופן פיש, די גמרא (נדרים נד:) זאגט, נונא סמא לעינא, פיש איז א רפואה פאר די אויג. דו זאלט וויסן, אז אפילו פיש וואס איז טהור, אבער ביי ויהי בנסוע ווערט דער נונא אויך איבערגעדרייט. דער כשר'ע פיש, איז כשר נאר ווילאנג ער איז אינדערהיים, אבער ווען די פיש גייט ארויס אינדרויסן צווישן גוים, ווען עס איז ויהי בנסוע, איז דער נונא אויך נישט פארזיכערט אז עס בלייבט בטהרה. מען דארף האבן סייעתא דשמיא ווען מען גייט ארויס צו די ארבעט, ווען מען גייט ארויס אויף די גאס, אז מען זאל בלייבן דער זעלבער יוד. ברוך אתה בבואך ברוך אתה בצאתך (דברים כח-ו), דאס איז דער חינוך וואס מען דארף אריינלייגן אין קינדער ווילאנג זיי זענען יונג, אריינלייגן יראת

שמים, און ערליכקייט, זיי זאלן נתחנך ווערן אויפן ערליכן וועג.

*

**אסאך** פון חינוך פון קינדער איז תלוי אינעם שטוב פון וואו מען קומט. **קינדער לערנען זיך אראפ פון די עלטערן, די הנהגה פון די עלטערן מאכט א געוואלדיגען רושם אויף קינדער. מען לערנט זיך אראפ, ווי אזוי זיי פירן זיך אויף, אזוי גייט עס איבער פאר די קינדער.** עס האט מיר די וואך פארציילט א מגיד שיעור, וואס לערנט אין א ישיבה, וואו די בחורים קומען פריער אין ישיבה, און עס איז דא א באס וואס טראגט די מגידי שיעור נאכמיטאג אין די ישיבה. און טאמער א בחור האט פארשפעטיגט, קען ער מיטקומען מיט די באס, אבער מען דארף צאלען צוויי דאלער פאר דעם דרייווער וואס טראגט אים אהין. איז ער געשטאנען און געווארט אז די באס זאל אנקומען, איז אנגעקומען א בחור, און ער האט זיך אהינגעשטעלט. ער האט פארשפעטיגט, און ער וויל אויך גיין מיטן באס. זאגט אים דער מגיד שיעור, אז עס קאסט צוויי דאלער. זאגט דער בחור, אז ער האט נישט קיין צוויי דאלער. זאגט אים דער מגיד שיעור, איך קען דיר בארגען די צוויי דאלער. זאגט דער בחור, ניין, מען דארף נישט בארגען, איך וועל זיך שוין דינגען מיטן דרייווער, איך וועל זעהן אז ער זאל מיך ארויפלאזן אן די צוויי דאלער אויך. זאגט מיר דער מגיד שיעור, מן הסתם האט ער זיך עס אויסגעלערנט פון זיין טאטע אין שטוב, אז ווען מען קען זיך דינגען, דינגט מען זיך פאר צוויי דאלער אויך. דאס איז א קליינינגקייט, עס איז א נארישע מעשה, אבער איך וויל עס ארויסברענגען אז עס קען פאסירן אזא זאך. א טאטע אסאך מאל באמערקט אפילו נישט וואס ער טוט, אבער דאס קינד באמערקט. און דאס קינד ווערט אזוי מחונך. וואס ער זעהט אינעם שטוב, דאס טוט ער ווייטער.

**א שטוב וואו מען וויל אז די קינדער זאלן אויסוואקסען ערליך, די קינדער זאלן אויסוואקסען תלמידי חכמים, דארף די שטוב זיין א ווארימע שטוב, א קינד דארף זיך גוט פילן אינעם שטוב. טאמער א קינד קומט אריין אין שטוב, און די שטוב איז אנגעצויגען, און דאס קינד געפונט נישט זיין סיפוק אינעם שטוב, איז זייער עלול אז דאס קינד זאל שפעטער פארפאלן ווערן. אז מען וויל אמת'דיג אז א קינד זאל בלייבן צוגעבינדען צו די היים, א שטוב וואו עס איז רואיג, מען הערט נישט קיין געשריי, מען הערט נישט קיין מחלוקת, מען גיט רעספעקט פאר א קינד, און מען פירט זיך אויף מיט א נארמאלקייט, דאס איז די עיקר פונעם חינוך וואס מען דארף געבן פאר קינדער, אז די קינדער זאלן בלייבן שפעטער וואויל און ערליך, און נישט פראבירן אוועקצוגיין אין אנדערע מקומות.**

**עס** קען זיין אז וועגן דעם שטייט (ספר יצירה פרק ה'), מזל אדר דגים. אדר איז א חודש פון שמחה, משנכנס אדר מרבין בשמחה (תענית כט:). מזל אדר דגים, אז מען וויל האבן מזל, אז די קינדער זאלן אויסוואקסען דגים, זיי זאלן אויסוואקסען אזוי ווי די פיש, וואס גליטשען זיך נישט אוועק, און זיי בלייבען אייביג ריין, דאס איז דער מזל פון אדר. ווען א שטוב איז שמחה'דיג, א פריילעכע שטוב, און א לוסטיגע שטוב, איז די מזל פון די שטוב, דגים, אז די קינדער וואקסען אויס ערליך און וואויל, און מען האט נישט קיין פראבלעמען שפעטער, אז זיי זאלן זיך אוועקגליטשען פונעם ריכטיגען וועג.

*

**עס** איז מיר אויסגעקומען די וואך צו זעהן א לשון אין רש"י (בבא בתרא ח:), ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד (דניאל יב-ג), ווייסט דאך יעדר איינער אז דאס גייט ארויף אויף די מלמדי תינוקות, אז זיי זענען מצדיקי הרבים. טייטשט רש"י, וואס מיינט מלמדי תינוקות, וואס ער רופט זיי אן מצדיקי הרבים, זאגט רש"י, 'שמלמדין ומחנכין אותן בדרך טובה'. א מלמד וואס ווערט אנגערופן מצדיקי הרבים, איז נישט א מלמד וואס האט אים אויסגעלערנט חומש מיט רש"י מיט גמרא, אז ער קען לערנען, און ער פארשטייט וואס מען לערנט. רש"י טייטשט מלמדי תינוקות, איז אויסער דאס וואס דער מלמד לערנט מיט זיי, ומחנכין אותן בדרך טובה, ער איז מחנך דאס קינד אז ער זאל גיין אויפן ריכטיגן וועג, דאס איז דער מצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד.

**און** דאס איז די עבודה וואס די תלמוד תורה לייגט אריין אין די קינדער, און מען דארף שפירן א הכרת הטוב פאר דעם פלאץ, און א זכות אז מען קען האבן א חלק דערין, עפעס צוריקצוצאלן. **די תלמוד תורה**

**און די מיידל שולע גיט פאר די עלטערן די גרעסטע הנאה וואס זיי האבן אין זייער לעבן.** אז מען האט א קינד וואס וואקסט אויף ערליך, א טאכטער וואס וואקסט אויף ערליך, און זיי שטעלן אויף נאכדעם א יודישע שטוב, ווער האט דאס אהערגעשטעלט פאר די עלטערן. מען גיט זיך וויניג אפ היינט אין שטוב, יעדער ווייסט וואס פאר א כוחות עס ווערט אריינגעלייגט אין די תלמוד תורה און אין די מיידל שולע, אז מען זאל מחנך זיין די קינדער. עס קומט זיך א געוויסע הכרת הטוב פאר א מענטש צו באדאנקן פאר דעם מקום וואו ער אליין איז אויסגעוואקסן, אויב ער האט געלערנט דארט. און וואו מען איז מחנך זיינע קינדער אויף דעם וועג, איז מען שולדיג א הכרת הטוב פאר דעם מקום.

*

**מען** האט היינט געליינט די וואך די הפטורה (מלכים ב א-א), דוד המלך איז געווען אין די לעצטע שעות פון זיין לעבן, און ער האט איבערגעלאזט א צוואה פאר שלמה המלך. קודם האט ער געזאגט, איך האב א חשבון מיט צוויי מענטשען, מיט יואב בן צרויה, און מיט שמעי בן גרא. יואב בן צרויה האט געטון ביי די מלחמה געוויסע זאכן וואס מען האט נישט געדארפט, און איך האב אים נישט גע'הרג'ט, אבער דו, לא תרד שיבתו בשלום שאול. דו זאלסט טרעפן א פלאץ וואו דו זאלסט אים זעהן צו הרג'נען. איך האב געהאט נאך א פראבלעם מיט שמעי בן גרא, והוא קללני קללה נמרצת, ער האט מיך געשאלטן, און איך האב אים גארנישט געטון, אבער דו זאלסט זעהן זיך אפצורעכענען מיט אים.

**מען** רעדט פון דוד המלך, מיר האבן נישט קיין השגה וואס דאס מיינט, רגל רביעי שבמרכבה. און מען ליגט אויפן קראנקן בעט, אין א פאר מינוט ארום איז מען נישט דא, און מען האט נישט קיין אנדערע דאגות, נאר אז ער האט געהאט צוטון מיט יואב, און מיט שמעי בן גרא, און זעה זיך אפצורעכענען מיט זיי?! ווען מיר זאלן היינט זעהן ווי א פשוט'ער מענטש האלט פארן שטארבן, און די קינדער זאגן אים, טאטע דו האסט עפעס איבערצולאזן פאר אונז א צוואה? זאגט דער טאטע, יא, דו ווייסט אז אין ביזנעס האב איך געהאט צו טון מיט דעם, און דו זאלסט זעהן אים יורד צו זיין לחייו, און אים צוריקבאצאלן אויף דעם וואס ער האט מיר געטון. און מיט א צווייטן האב איך געהאט א אנדערע מאל צו טון, און מיט אים זאל מען זיך אויך אפרעכענען וואס מען דארף צו טון. און א גוטן טאג, און מיט דעם געזעגנט ער זיך. וואלטן מיר געזאגט, אזא נידריגער מענטש. וואס אינטערעסירט עס דיך, מיט איין פוס ביזטו שוין אויף יענעם עולם, וואס אינטערעסירט דיך דארט אויף יענע וועלט וואס עס איז געשעהן מיט דעם יוד וואס איז דא. עס מאכט עפעס נישט קיין סענ"ס די גאנצע זאך. אז דאס איז די צוואה וואס דוד המלך האט איבערגעלאזט.

**איך** האב עס פארשטאנען מיט א מעשה וואס מען זאגט נאך אויפן **חזון איש זצ"ל**. [מוצאי שבת מעג מען פארציילן א מעשה, אפילו פון א ליטווישען גדול אויך]. דער **חזון איש זצ"ל** איז אמאל יום הקדוש ביינאכט אהיימגעגאנגען פון בית המדרש מיט זיין משמש וואס האט אים באדינט, און דער חזון איש האט זיך זייער אפגערעדט אויף א איש ציבורי, אויף א מענטש וואס האט אסאך געטון. דער חזון איש איז נישט געווען אויף איין מיינונג מיט אים, ער האט געהאלטן אז ער טוט נישט ריכטיג. און אויפן וועג האט ער זיך זייער אויסגערעדט אויף דעם מענטש. זאגט אים דער משמש, רבי, עס איז יעצט יום הקדוש ביינאכט, עס איז נישט די צייט אז מען זאל אזוי רעדן אויף א מענטש. זאגט אים דער **חזון איש**, איך ווייס אויך אז עס איז יום הקדוש ביינאכט, אבער ווען איך וואלט עס דיר געזאגט אינמיטן די וואך, וואלסטו געזאגט אז מן הסתם האב איך עפעס א חשבון מיט יענעם, וועגן דעם זאג איך עס. און דו וואלסט אנגעהויבן צו טראכטן, אפשר איז עס לשון הרע, און מען טאר עס נישט מקבל זיין, און אזוי ווייטער. וואלט עס נישט געמאכט ביי דיר קיין רושם די ווערטער וואס איך זאג דיר. אבער יום הקדוש איז ביי מיר אויך יום הקדוש, און איך ווייס וואו איך שטיי יעצט, און אז איך זאג דיר יעצט יום הקדוש וואס איך זאג דיר, וועסטו וויסן אז עס איז נישט קיין לשון הרע, עס איז אמת, און מען דארף זעהן צו טון אין דעם ענין. ווי ערנסטער די צייט איז, און מען זאגט א זאך, איז א סימן אז מען האט נישט דערין קיין שום פניות, מען מיינט נאר די זאך אליין.

**יואב** בן צרויה האט געהאט א חטא, עס איז אים געקומען מיתה. שמעי בן גרא איז אויך געווען א מורד במלכות, איז אים אויך געקומען מיתה, און דוד

המלך האט זיי גארנישט געטון. דוד המלך האט מורא געהאט, אז מען וועט זאגן אז ער האט געהאט עפעס א אייגענע אינטערעסע אויף דעם וואס ער האט זיי געה'רג'עט, והוא קללני קללה נמרצת, ער האט מיר באליידיגט, ער האט מיר געשאלטן. די גמרא (שבת קה.) זאגט, אז עס איז געווען גאר שטארקע קללות. עס שטייט אין **זוהר הק'** (ח"ב קז:) אז די קללה פון שמעי בן גרא האט מער ווי געטון פאר דוד המלך פון אלע צרות וואס ער האט געהאט. און אז ער וועט זיך אפרעכענען, ער וועט הרג'ענען שמעי בן גרא, וועט מען זאגן, אז ער האט זיך אפגערעכנט מיט אים, אזוי ווי יעדער נעמט נקמה אין א שונא. האט אים דוד המלך גארנישט געטון. ער האט עס איבערגעלאזט אויפן לעצטן טאג אין זיין לעבן. און ער האט געזאגט פאר שלמה המלך, דו וועסט מיך נישט חושד זיין יעצט, ווען איך האלט פארן אוועקגיין פון די וועלט, אז איך האב א מחשבת נקמה, און איך האב עפעס א סיבה פארוואס איך זאג עס. איך האלט אז עס איז פאר זייער טובה, זיי זענען געווען גרויסע מענטשען, זיי זאלן מחוייב זיין מיתה אויף די וועלט, און זיי זיי זאלן ארויפקומען ריין אויף יענער וועלט, זיי זאלן אלעס האבן אפגעקומען אויף דעם עולם. בעט איך דיך, זעה אז זיי זאלן נישט אוועקגיין פון די וועלט בשלום, ווען זיי כאטש ארויפקומען אויף יענע וועלט ריין, אן דעם וואס זיי זאלן דארפן שפעטער אדורכגיין. און איך זאג עס דיר יעצט, פאר איך האלט ביים שטארבן, יעצט וועסטו מיר נישט חושד זיין אז איך זאג עס וועגן דעם ווייל איך האב עפעס א אינטערעסע דערין. די כוונה וואס איך האב דערין איז בלתי לה' לבדו. האט ער די צוויי זאכן אנגעזאגט פאר שלמה המלך.

*

**נאך** איין זאך האט ער אים אנגעזאגט, איך האב געהאט א גוטע פריינד, ברזילי הגלעדי. וואס ווען איך בין אנטלאפן פון מיין זון אבשלום, וואס האט מיך געוואלט הרג'ענען, און איך בין געווען דעמאלטס אין א צרה, האט ער מיר געגעבן צו עסן, ער האט מיך אויסגעהאלטן, און ער האט מיר ארויסגעהאלפן. זאלסטו שטענדיג געדענקען די טובה וואס ברזילי הגלעדי האט מיר געטון. והיו באוכלי שלחנך, ווילאנג דו לעבסט, זאלן די קינדער פון ברזילי הגלעדי זיצן ביי דיר ביים טיש, און דו זאלסט זיי געבן צו עסן. הכרת הטוב! ער האט מיר געטון גוטס, זיי אים מכיר טובה. הכרת הטוב האט אויך א פרייז וואס מען דארף צו געבן פאר יענעם. וויפיל האט געקאסט די סעודות וואס דוד המלך האט דעמאלטס אויסגעהאלטן, מען רעדט נישט פון וואכן אדער חדשים אדער יארן, נאר בברחו מפני אבשלום בנו, האט ער געדארפט האבן דעמאלטס אז ער זאל אים העלפן. דוד המלך האט קיינמאל נישט פארגעסן די טובה וואס ער האט אים געטון. און צו באצאלן א טובה פאר איינעם וואס האט דיר געטון גוטס, האט נישט קיין שיעור. עס איז זיכער אז דוד המלך האט בחייו צוריקבאצאלט פאר ברזילי הגלעדי וואס ער האט אים געקענט צוריקבאצאלן, אבער ער האט קיינמאל נישט פארגעסן די טובה, ער האט מיך מציל געווען ווען איך בין געווען אין א עת צרה. והיו באוכלי שלחנך, זיי זאלן זיצן ביי דיין טיש. ווילאנג דו לעבסט זאלסטו אים צוריקבאצאלן פאר דער טובה וואס איך האב געהאט פון אים. און דאס איז געווען דוד המלך פאר זיין שטארבן, אנשטאט מייחד זיין יחודים און וואס עס האט אויסגעפעלט, האט ער נישט דאס אינזין געהאט, נאר ער האט אינזין געהאט צו זיין א מענטש, אז מען זאל באצאלן פאר איינעם וואס האט אים געטון גוטס. דאס האט ער אנגעזאגט פאר שלמה המלך.

**מען** רעדט פון א מוסד וואס טוט אזויפיל גוטס פאר אונזערע קינדער, **עס ליגט א פליכט אויף יעדן איינעם, והיו באוכלי שלחנך, צוריקצובאצאלן פאר א פלאץ וואו מען איז נהנה, פאר א פלאץ וואו מען האט נחת פון די קינדער, אז מען זאל דאס נעמען אין חשבון, און מען זאל האבן די מדה פון הכרת הטוב.** עס שטייט אין מדרש די קומענדיגע וואך (שמו"ר א-ח), ויקם מלך חדש על מצרים אשר לא ידע את יוסף (שמות א-ח), היום אומר אשר לא ידע את יוסף, ולמחר הוא אומר לא ידעתי את ה' (שם ה-ב). עס שטייט אין מפרשים, יוסף האט אויפגעבויט מצרים, אין די שנות הרעב איז די וועלטס געלט אריינגעקומען קיין מצרים, און עס קומט זיך א הכרת הטוב פאר דעם וואס האט אויפגעבויט מצרים, נעמסטו זיינע קינדער און דו פייניגסט זיי? נאר עס איז אויפגעשטאנען א מלך חדש אשר לא ידע את יוסף, עס איז נישט דא קיין הכרת הטוב. וואס עס איז געווען איז געווען, ער איז געווען א כפוי טובה. זאגט דער מדרש, **ווען א מענטש איז א כפוי טובה פארן חבר, הייגט איז ער א כפוי טובה פארן חבר, מארגען**

**וועט ער זיין א כפוי טובה פארן אייבערשטען.** ווילאנג מען האט די מדה פון הכרת הטוב, אז פאר גוטס דארף מען צוריקגעבן פאר יענעם, האט ער אן אחריות, און ער פילט אז דער אייבערשטער גיט מיר אזויפיל גוטס, איך בין אים מחוייב צוריקצוגעבן, איך זאל זיך פירן ערליך. איינמאל מען רייסט ארויס פון זיך די מדה, מען מוז נישט צוריקבאצאלן פאר יענעם גוטס, היינט קלאפט עס אויס לגבי דעם חבר, מארגען קלאפט עס אויס כלפי דעם אייבערשטען. היום אומר, היינט זאג ער, אשר לא ידע את יוסף, היינט איז ער נישט מכיר טוב פאר יוסף, ולמחר הוא אומר לא ידעתי את ה', איז ער א כפוי טובה פארן אייבערשטען אויך.

**עס** איז א זכות, און א ענין פון הכרת הטוב, אז מען קען ארויסהעלפן א מוסד וואס מען איז נהנה דערפון. **איך מוז באדאנקן פאר רבי שמואל דוד, דאס איז אויך א חלק פון הכרת הטוב, וואס ער גיט אוועק טאג און נאכט פאר די מוסדות. אויף זיין עול, און אויף זיין זכות, בעסער געזאגט אויף זיין גרויסן זכות, ליגט סיי די תלמוד תורה און סיי די מיידל שולע, סיי די קעמפס, און סיי די ישיבה קטנה, און סיי די ישיבה גדולה, אלעס ווערט געפירט פון אים, וואס דאס איז פארבינדן נישט נאר מיט אויפהאלטן די מוסדות, נאר מיט אהערשטעלן בנינים, וואס ער נעמט אויף זיך מיט איבערמענטשליכע כוחות אויפצושטעלן. ער האט געבויט א בנין אין קעמפ פאר די ישיבה קטנה, יעצט בויט ער א מקוה פארן קעמפ, אין מיידל קעמפ פלאנט ער צו בויען ווייטער. מען האט געקויפט יעצט א בנין פאר די ישיבה גדולה, און ועל כולם שטייט ער יעצט פאר אויפבויען די מיידל שולע דא, וואס עס איז ב"ה אדורכגעגאנגען לעצטענס די אלע אפראוועל'ס וואס מען דארף האבן דערצו. מען רעדט פון שווערע מיליאנען דאלארן וואס עס קאסט די אלע זאכן. עס איז א זכות פאר די אלע וואס שטייען אים צו הילף, אז זיי זאלן אים ארויסהעלפן.** רבי יוסף לעפקאוויטש זאל זיין געזונט האט זיך אריינגעלייגט אינעם קרן הבנין וואס עס פעלט אויס. מען דארף וויסן די חשיבות פון הכרת הטוב, ארויסהעלפן פאר דעם מקום, יעדער לפי ערכו וואס ער קען צוהעלפן אז די תורה זאל ווייטער בליען. **קיינער האט נאכנישט דערלייגט אויף תורה הק', דער אייבערשטער באצאלט פאר יעדן איינעם.** זאל דער באשעפער בענטשען די אלע זבולון'ס, וואס האבן א חלק בתורתו של יששכר, זיי זאלן געבענטשט ווערן מיט אלע ברכות הכתובות בתורה, עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר, און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.